ב"ה

# טעראפּי

גליון 66

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## אביסל רייכערן, צו בארואיגן די נערוועןֹ?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*צום ערשט וויל זיך באדאנקען פאר די גוטע לעבן ברוחניות ובגשמיות וואס איך באקום יעדן טאג פון פריש פונעם ראש ישיבה שליט"א.*

*איך וויל נאכאמאל פרעגן א שאלה וואס שטערט מיר שוין א לאנגע צייט, און איך וועל זיך פרייען אויב דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען אן עצה געבן.*

*איך לייד אסאך פון מחשבות און בלבולים וואס דרייען זיך מיר אין קאפ, עס מאכט זיך טעג ווען איך ווער זייער אנגעצויגן, איך שפיר ווי איך קען עס מער נישט איבערטראגן, און איך האב געזען אז דאס רייכערן א ציגארעטל בארואיגט מיר די נערוועןֹ, נישט ממש רייכערן רעגלמעסיג, נאר כאפן אמאל א ציגארעטל דא און דארט אביסל.*

*האב איך געוואלט פרעגן אויב איך קען זיך ערלויבן צו רייכערן אביסל פון צייט צו צייט, ווען איך שפיר אז איך דארף עס האבן וויכטיג פאר מיינע נערוועןֹ, אדער זאל איך זיך האלטן שטארק נישט צוצורירן צו קיין ציגארעטל בכלל?*

*יישר כח*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויגש, ב' טבת, זאת חנוכה, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר.

### רייכערן בארואיגט נישט

רייכערן בארואיגט נישט, רייכערן ציט מער אן די נערוועןֹ; **לערנען תורה בארואיגט די נערוועןֹ, גורס זיין פרקים משניות בארואיגט די נערוועןֹ**; זאג משניות וועסטו באקומען געזונטע שטארקע נערוועןֹ.

### דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל רייכערן

רייכער נישט, עס איז נישט קיין גוטע זאך, דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל רייכערן (חיי מוהר"ן סימן רעג, תעב). מאך זיך א שיעור אין משניות, לכתחילה זאלסטו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, ווייל דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן זכרונו לברכה ער זאל יעדן טאג זאגן "ח"י פרקים משניות", אויך האט דער רבי געזאגט פאר עטליכע פון אנשי שלומינו זיי זאלן זאגן יעדן טאג "ח"י פרקים משניות" (עיין שיחות הר"ן סימן קפה), און מוהרא"ש זאגט: "וואס דער רבי האט געזאגט פאר מוהרנ"ת איז פאר אונז אלע געזאגט געווארן".

### דער הייליגער טשערנאבלער מגיד זי"ע שרייבט אז מ'זאל זאגן אכצן פרקים משניות יעדן טאג

קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זאגן אכצן פרקים משניות יעדן טאג. עס שטייט פון הייליגן טשערנאבלער מגיד זכותו יגן עלינו אין זיין ספר ליקוטי תורה (הדרכה ו): "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם", זאלסט זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות, אן קיין טייטש, "כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים"; אזוי וועסטו דאס ענדיגן יעדן חודש, "כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אזוי זאלסטו זיך פירן דיין גאנצן לעבן. אויך ווערט געברענגט פונעם הייליגן מהר"ם פאפירש (אור צדיקים סימן כב, אות יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת בְּכָל יוֹם", עס איז זייער גוט מען זאל יעדן טאג לערנען משניות, "וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים", און אז מען קען לערנען יעדן טאג אכצן פרקים משניות אנטקעגן די אכצן וועלטן, אוי ווי זיס און אוי ווי גוט וועט אים זיין, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", איך וויל האבן א חלק מיט זיי, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד קֵל חַי", ווייל מיטן זאגן אכצן פרקים משניות איז מען מתקן וואס מען האט פוגם געווען אין די חטא פון פגם הברית, וואס פון דעם קומען די אלע נערוועןֹ השם ישמרינו, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָּה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אויך האט דאס א סגולה צו הרג'ענען דעם יצר הרע, "גַּם סְגוּלָּה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אויך האט דאס א סגולה צו ברענגען א ריינע נשמה אויפן מענטש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי האלט מען זיך רואיג מיט אזעלכע שרעקעדיגע נייעסן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין זיך זייער מחיה מיט די שיעורים און בריוו, א גרויסן יישר כח.*

*איך האב א זאך וואס נעמט מיר ממש צו די מנוחה, איך ליין די נייעס יעדע וואך שבת, און איך זע אז דער מצב אויף דער וועלט ווערט מער און מער אנגעצויגן צווישן אלע לענדער, און איך ציטער אויב עס וועט חס ושלום אויסברעכן א מלחמה. אסאך מאל קען איך ממש נישט איינשלאפן פאר נערוועזקייט,*

*טראכטנדיג וואס וועט זיין מארגן. איז דא עפעס אן עצה פאר דעם?*

*יישר כח*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ואתחנן, י"א מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### מ'טאר נישט ליינען צייטונגען אין שבת

קודם כל זאלסטו וויסן על פי הלכה טאר מען נישט ליינען שבת קיין צייטונג, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט (שלחן ערוך אורח חיים סימן שז, סעיף טז; עיין משנה ברורה סעיף קטן סג). ובפרט אז דאס מאכט דיר דערשראקן איז דאך זיכער אז מען טאר נישט (משנה ברורה סימן שז, סעיף קטן ג).

### עס ברענגט אומזיסטיגע פחדים

אפילו אין די וואכן טעג זאלסטו נישט ליינען קיין צייטונגען ווייל עס נעמט צו דעם מח מחשבה פונעם מענטש און עס ברענגט אומזיסטיגע פחדים וכו'. דער הייליגער מנחת אלעזר טייטשט דעם פסוק פון די תוכחה (ויקרא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דער אייבערשטער זאגט, אויב מען וועט נישט גיין אין די וועגן פון די תורה וועל איך ברענגען א מורא אין ענק, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", איר וועט אנטלויפן פאר שרעק פונעם קול וואס די בלעטלעך געבן ארויס ווען די ווינט בלאזט אויף דעם, טייטשט ער (בספר חיים ושלום) אז דער "עָלֶה נִדָּף", מיינט מען דער פארשטונקענעם בלעטל פון א צייטונג וואס דערשרעקט טאג איין טאג אויס פון מלחמות וכדומה.

### מען ווערט דערשראקן און צעמישט

חכמינו זכרונם לברכה ברענגען (תורת כהנים, ז) רבי יהושע בן קרחה האט דערציילט, "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", איינמאל זענען מיר געזיצן צווישן דיביימער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אינמיטן האט א ווינט צעבלאזן די ביימער און די בלעטלעך האבן זיך געשאקלט איינער אויפ'ן צווייטן און ארויסגעגעבן א קול, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ 'אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים!'", מיר זענען אנטלאפן פון פחד אז מען גייט אונז הרג'ענען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נאכדעם האבן מיר געזען אז קיינער יאגט נישט און קיינער לויפט אונז נישט נאך, האבן מיר געוויינט אז עס איז מקיום געווארן ביי אונז דאס וואס שטייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אזא פנים האבן די וואס ליינען צייטונגען, מען ווערט דערשראקן און צעמישט. מען קען נישט שלאפן פון פחד, בשעת קיינער יאגט נישט און קיינער רודפ'ט נישט.

**די ציל פון א צייטונג איז נאר צו ווייזן (צפניה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", איך, איך און נאכאמאל איך, און עולם גולם שטייט און ליינט דאס בשעת מען כאפט נישט אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג א וואך נאך א וואך און מען האט גארנישט דערפון, דאס איז חוץ דעם וואס עס נעמט אוועק דאס יראת שמים פונעם מענטש.**

תלמידי היכל הקודש נעמען נישט אריין אין שטוב קיין שום צייטונג און קיין שום מאגאזין; דער גאנצער צייטונג איז איין שטיק ליצנות און איין גרויסער בלאף. די ציל פון א צייטונג איז נאר צו ווייזן (צפניה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", איך, איך און נאכאמאל איך, און עולם גולם שטייט און ליינט דאס בשעת מען כאפט נישט אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג א וואך נאך א וואך און מען האט גארנישט דערפון, דאס איז חוץ דעם וואס עס נעמט אוועק דאס יראת שמים פונעם מענטש.

### א רחמנות אויף די וואס ליינען שעות אויף שעות דעם נארישן צייטונג

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיין טאטע שליט"א האט קיינמאל נישט געלאזט אריין ברענגען אין שטוב קיין שום צייטונג; שבת האב איך געזען מיין טאטע שליט"א נאר לערנען און פארברענגען מיט די קינדער, איך האב נישט געוויסט בכלל אז עס איז דא צייטונגען ביז איך בין געפארן לערנען אין ישיבה **וואו האב איך געזען דאס רחמנות פון די וואס ליינען שעות אויף שעות דעם נארישן צייטונג.**

שבת איז א צייט פון לערנען און דאווענען. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק א): אויפן פסוק (תהלים קלט, טז): "'יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם', זֶה יוֹם שַׁבָּת לְיִשְׂרָאֵל; אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים", אפילו א מענטש ארבעט א גאנצע וואך, "יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה", זאל ער אויסנוצן שבת אויף לערנען תורה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה, לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", דערפאר זאל א מענטש אויפשטיין שבת צופרי און גיין אין שול לערנען און דאווענען, און נאכדעם אהיים גיין מאכן די סעודה, ווייל דער אייבערשטער האט נישט קיין נחת פונעם מענטש נאר ווען ער לערנט תורה.

אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער, דו וועסט מער נישט אריין קוקן אין צייטונגען וכדומה וועט דיר גוט זיין בזה ובבא .

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

**איך האב מורא פון אן עלעוועיטאר**
**ווי אזוי מאכט מען אז א שטארקע אמונה זאל נישט שטערן דאס לעבן?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218 אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**